ונתנה תוקף

(פעלעטאן)

פון ה. מ. קירשענבוים

זאגט אייך וואס איהר ווילט, איך גלויב אין דעם ,,ונתנה תוקף״.

ונתנה תוקף איז אן אמת געווארען, ווען כביכול האט נאר צוויי ברידער, צוויי מענשען ברידער אויף דער וועלט בעשאפען. שוין דאמאלס האט קין ונתנה תוקף געלערענט מיט זיין ברודער הבל.

וואלט די שלאנג פון ,,ונתנה תוקף״ ניט געוואוסט, וואלט אונזער מוטער חוה קליידער און ציערונג פרעמד געווען, וואלטען מיר מענער פון... פריי געווען, אזוי איז עס אבער דער אמת׳ער ,,ונתנה תוקף״.

דער ונתנה תוקף איז זיכער בעשאפען געווארען אין ששת ימי בראשית, נאר מען האט איהם בעהאלטען, צייגען ניט געוואלט, מענשען האט פערשטאנד אונלערענט, זוכט.

ונתנה תוקף לערנען מיר, מיר וויינען ביי איהם, ציטערען, און עס דרעהט דער חזן א שלשלת, ,,כיהוא נורא ואיום״, ,,ובו תתנשא״, האסטו גבורה ברודערקע, קענסטו דיין תקיפות בעווייזען, וועסטו אלעם ווערען, אלע וועלען צו דיינע פיס ליגען, נאר געדענק ציינג תקיפות.

דער ,,בראש השנה יכתבון״ איז בלויז אן עפילאג צו דער טראגעדיע פון ונתנה תוקף״ בלויז א פערבלענדעניש. דער אמת אבער, דער ביטערער אמת, ליגט באלד ביים אנפאנג, געפינט זיך אין דיא ערשטע צוויי ווערטער.

קומט דער ראש השנה. דער אנפאנג פונ׳ם נייעם יאהר. דער טאג וועלכער פערווארפט דאס אלטע, פערשטופט עס אין הינטערגרונד וויל מעהר עס ניט קענען, און פרובירט שעהנערעס און ערהאבענעס שאפען, שטעהט אבער דער ונתנה תוקף און שמייכעלט. . .

וועסט גאר ניט פועל׳ן ביי מיר, וואס מיר ניי יאהר! וואס חודש תשרי! מאך ניט קיין פוילע שטיק, שמייכעלט ניט נאריש, זעהסט דען ניט די בעדייטונג פון תקיפות.

וועמען ווילסטו בלאפען, מיט אן אתיתי להנך אדער ,,היום יתקע בשופר גדול״ בלאז היינט בלאז מארגען, עס וועט דיר גאר ניט העלפען.

דער ונתנה תוקף איז אלעס. מיט דעם ונתנה תוקף האט ניקאלאי גאנצע יאהרען גערעגירט, אזוי שנעל אמער וויא דער ונתנה תוקף איז אוועק, מוז ער נעבאך אבריטשען גלות אזוי ווי עמא גאלדמאן, און אלעקסאנדער בערקמאן.

מיט דעם ונתנה תוקף שטעהט דער שטערען מארס, און האלט זיינע אייזערנע צייהן פערקריצט און שמייכעלט ווילד. ווער הארכט אייער בראש השנה ?

שוין דער פירטער ראש השנה, און דאך שרייבט זיך ניט אנדערש ווי טויט פערניכטונג, האס פייער מלחמה, ברודער מארד, רויב, אידען גלות, ווייל איך האלט דעם ונתנה תוקף אין האנד.

וועט ווער זיין דער תקיף און מיר די שפיעל דיריגירען ? וועט עס וועמען געלונגען ? אז אפילו דער פאפסט וועמענס ווארט א וועלט מענשען הערען, קען אנטגעגען מיר גאר ניט טהון, האט קיין תקיפות ניט.

,,ונתנה תוקף״ זאגען אויך די אמעריקאנער ציוניסטען וועמענס משוררים עס זיינען קלארענס דע סאלא וחבריא.

מיר ציוניסטען זיינען די תקיפים, איבער ארץ ישראל. מיר ווילען איינפיהרען קרבנות, שאפען א בית המקדש אבער ניט ווי אמאהל, נאר אויף׳ן אייראפעאישען אופן. מיר ווילען דארט צייגען אונזער קראפט, אבוואהל דא טהוען מיר גאר ניט.

א סימן אז דער אידישער קאנגרעס, וואו איהר ווילט תקיפות בעקומען וועט זיך אייך ניט איינגעבען.

אמת איהר האט געוועהלט, געמאכט ״שהחינו״ געטומעלט און געליארעמט, געדענקט אז אט קומט משיח.

שטעהט זשע, כאפט זיך ניט, ווער וויל אייך האבען. רוקט אייך אב צו דער מערב וואנד, דער מזרח איז אונזערער, מיר זיינען די תקיפים, און אזוי לאנג ווי מיר זיצען אויף׳ן פערד וועלען מיר טהאן וואס אונז געפעהלט.

זיצט זיך דער רעדאקטאר מיט תקיפות, און טהוט וואס ער וויל. יאהר איין יאהר אוים, ווייל ער איז דער העכערער. ער האט שותפות מיט דעם ונתנה תוקף געמאכט, און האט קיין מורא פאר דעם יכתבון ניט.

ווייל וואס עס געפעהלט איהם ניט, מעקט ער אוים און שרייט חי וקים.

,,מי ינוח ומי ינוע״ איז בלויז א שעהנע פראזע וועלכער פאסט זיך פארן יאהר תרע״ז.

הענרי פארדם קדיש קריגט עקזעמפשאן, ווייל ער דארף אכטונג געבען אויף זיין טאטענס מענשען.

דער רייכער גולד בלייבט אין דער היים, ווייל ער דארף דאס ווייבעל מפרנס זיין.

דער ארימאן בלייבט קבצן און דער קבצן ארימאן.

די תקיפים זענען די גבירים.

היינט זשע וואס ווייגט מען אזוי בוים ״בראש השנה״.

איך גלויב בלויז אז ״האוחז ביד״ איז די בעסטע תפלה, אבער דער וואס האט עס, איז א בוחן ובודק און טויג אויף כפרות.

זוך אהין זוך אהער, בדיקה אהין בדיקה אהער, אז עס איז דא אן ״אוחז ביד״.

ביי ״לאל עורך דין״ מוז מען נעהמען א טשאנזש״.

זיצט דזשארדזש קאהען, איז נאך עפעס, טאמער טאמער ... איז גלייכער מאך ״לגולה עמוקות״.

,,אתה הוא״ איז ניט שלעכט, די אלע וועלכע זינגען איהם בעקומען דיא מטבעה, און מאכען א פיינעם לעבען, פאר זינגען ״אתה הוא״ בעקומט מען אמאהל א פיינע שטעלע, א נישקשהדיגע מטבע, אמאל אן אומזיסטען ציגאר און אמאהל א בעצאהלטע סעקרעטער שטעלע, מען זאל ניט בעליידיגט ווערען.

שרייען ״חי וקים״ ביזטו א פערפאלענער פשוט פערלוירען, קיין ״חי וקים״ איז אויף דער ערד ניטא. ווילסטו א ״חי וקים״ ווערען לויף אין הימעל אריין.

ווי גאט האט געטהאן, אז ניט וועסטו קיצור ימים האבען.

אפילו דר. גאלדפארב וועלכער האט געמיינט אז ניקאלאי וועט אייביג קעניגען און ער וועט זיך שוין אין רוסלאנד ניט אומקעהרען, און בלייבען ביים נאמען דאקטאר, האט א טעות געהאט.

היינט אויב דער רבי האט א טעות, פארוואס זאלען די חסידים, די בלינדע נאכשטופער קיין טעות ניט האבען.

זאגאר אין ״שיר היחוד״ הער איך אויף צו גלויבען.

צוליעב דעם שיר היחוד וועט זיך אין רוסלאנד בלוט ווי וואסער גיסען. צוליעב דעם שיר היחוד ווערט די וועלט מלחמה פערטגעזעצט. צוליעב דעם שיר היחוד ווערט קיין געמיינשאפטליכע ארבייט ניט געטהאן. צוליעב דעם ״שיר היחוד״ איז נאך ביי אונז קיין פעראייניגונג פאר די מלחמה זאמלונגען ניט פאראן. צוליעב דעם שיר היחוד ווערען די בעסטע גוטע פריינד זיך אייביגע שונאים, צוליעב דעם שיר היחוד, ווערען די קלענערע פון די גרעסערע דערדריקט. צוליעב דעם שיר היחוד זוכט זיך יעדער אן אנדערען גאט, צוליעב דעם שיר היחוד ווערען די אוידעלסטע מענשען די גרעסטע פערברעכער. היינט זשע נאך וואס דארף מען איהם.

זאגט אייך וואס איהר ווילט, איך גלויב בלויז אין די ערשטע ווערטער פון ונתנה תוקף.

ווען איהר געברויכט
ווילסאנ׳ס
פליגען פעדס
לעזט די דירעקשיאנס
פאראזיכטיג און
פאלגט זיי נאך
פינקטליך

פיעל מעהר ווירקזאמער ווי קלעפיגע פליגען פאפיער, ריין צום הענדלען הערט פערקויפט ביי דראגיסטען און גראסעריס איבעראל.

רהומאטיזם

פון דר. בנציון וואלף

לעצטען מאהל האבען מיר געגעבען דעם ערשטען איבערבליק איבער דיעזער קראנקהייט און מיר האבען מיט א ביישפיעל אילוסטרירט ווי אזוי רהומאטיזם ווערט ארויסגערופען ביי א מענשען פון דאס איינאטמען פון מאלעריע און מיקראבען פון די מאנדלען, צייהנער, אפענדיקס און אנדערע ערטער וועלכע ווערען קראנק און צוזאט עם. מיר האבען אויך אין יענעם ארטיקעל אנגעוויזען אז דער אמת׳ער רהומאטיזם איז בעגלייטעט דורך א געשוויר, רויטקייט און הייסקייט פון דעם אבער וואס ליידעט פון דיעזער קראנקהייט.

עס זיינען פאראן פיעלע טויזענדער מענשען וואס ליידען פון שמערצען אין זייערע ביינער, שלעסער, און מוסקולען אהן צו האבען א געשווירערצע. פיעלע פון אזעלכע פאלע זיינען א לייכטערער רהומאטיזם און פיעלע פון זיי זיינען נישט קיין רהומאטיזם אין דעם זין ווי מיר פערשטעהען דאס. עס זיינען פאראן הונדערטער קראנקהייטען וואס רופען ארוים שמערצען אין קערפער עהנליך צו די וועהטאגען פון רהומאטיזם און דאס איז טאקע די צרה. דעריבער איז אזוי שווער אויסצוגעפונען וואס פאר א סארט שמערצען עס זיינען איבערהויפט ווערט דאס פאר׳ן דאקטאר געמאכט שווערער אויסצוגעפינען דורך די אונוויסענהייט און דאס צו ווייניגע פערטרויען פון די פאציענטען אין דאקטאר. איבערהויפט איז דאס א גרויסער חסרון ביי אידען און מעהרסטענס צווישען די ניט אויסגעגרינטע. ווייבאלד דעם דאקטאר׳ם ערשטע מעדיצין העלפט נישט, אדער ווייבאלד דער דאקטאר זאגט אז ער דארף האבען אזא טעסט און אזא טעסט איידער ער וועט קענען לייזען די פראגע פון וואס דער מענש ליידעט, ווערט דער אידישער פאציענט פערביטערט און זוכט שוין אן אנדער דאקטאר אדער א פראפעסאר.

ווען א פאציענט געפינט זיך אין האספיטאל אונטערזוכט מען זיין בלוט די וואסער מען נעהמט ״עקסרעי פיקטשורס״ און מען מאכט אנדערע טעסטס ביז וואנען מען קען אורטהיילען איבער זיין קראנקהייט. ווען דער פאציענט קומט אבער צום דאקטאר אהיים וויל ער אז אין די ערשטע פינף מינוט זאל ער שוין וויסען זיין קראנקהייט. דאס איז איינע פון די שלעכטע מדות פון דעם אידישען פאציענט וואס דארף אויסגעבעסערט ווערען און מיר ווילען האפען אז אונזערע ווערטער וועלען ווירקען אין דיעזער הינזיכט.

צוריקקומענדיג צו אונזער אבהאנדלונג איבער דער רהומאטיזם קראנקהייט ווילען מיר אנצייגען כאטש עטליכע קראנקהייטען וואס רופען ארוים רהומאטיזם שמערצען אין קערפער און וואס זיינען נאך אלעם קיין רהומאטיזם און וואס דארפען געהיילט ווערען אנדערש ווי רהומאטיזם.

גאנארהעא רופט אין א געוויסען פראצענט ליידענדע ארוים שמערצען אין די שלעסער, ביינער, פלייש הארץ און אנדערע אברים וואס זיינען עהנליך צו רהומאטיזם און זיי ווערען טאקע אנגערופען גאנארהעאל רהומאטיזם עס איז זעלבסטפערשטענדליך אז ארויסשניידען די מאנדלען אין דיעזע פאל אדער פיקסען די צייהן וועט נישט העלפען די רהומאטיזם און אז עס איז נויטהיג צו געבען דעם פאציענט מיטלען געגען דער פערעלטערטער גאנארהעא, מאנכע פון אזעלכע ליידענדע מוזען גאר אפערירט ווערען ווי צום ביישפיעל אין דעם פאל וואו עס וואקסט אויף א ביין א שטיקעלע הארביקעל אדער דער ביין ווערט אויף איין ארט אביסעל אויסגעגעסען און מען דארף איהם אויסקראצען און פערהיילען.

טובערקולאזים אדער בעסער געזאגט שווינדזוכט אין די לונגען פערשאפט אמאל שמערצען אין די אקסלען שווינדזוכט אין דער היפ מאכט דעם מענשען פאר א קריפעל און ער קען נישט געהען אדער אפילו א טריט טהון און ליידעט שמערצען וואס קענען אנגענומען ווערען פאר רהומאטיזם און וואס קענען אבער דאך נישט פערלייכטערט ווערען מיט מיטלען וואס ווערען אנגעווענדעט געגען רהומאטיזם. ביז וואנען מען בעהאנדעלט נישט דעם קראנקען פאר די שווינדזוכט. וואס געפינט זיך אין קערפער און וואס איז פעראנטווארטליך פאר די שמערצען.

צוקער קראנקהייט איז ווידער איינע פון די קראנק וואס גיט רהומאטיזם און די ביינער. א קראנקער וואס ליידעט פון צוקערקראנקהייט האט אפט אזעלכע שמערצען אין ביינער און אין די שלעסער וואס מאכט איהם שווער צו בעוועגען זיך. אזא קראנקען וועלען נישט העלפען קיין בעדער, קיין הייסע קאמפרעסען, קיין ארויסשניידען די מאנדלען, קיין פיקסען די צייהנער. די איינציגע זאך וואס קען אזא קראנקען מאכען לייכטער די שמערצען און די ביינער איז ארויסצונעהמען ביי איהם די צוקער פון די בלוט און אום דאס צו טהון מוז מען צוערשט וויסען אז דער מענש האט די צוקער־קראנקהייט.

שווערע ארבייט ביי איינעם וואס איז נישט געוואהנט דערצו רופט ארוים שמערצען אין די מוסקולען און עס זוכט זיך דעם בעטרעפענדען אוים אז ער האט רהומאטיזם. אין אזא פאל איז ווידער נישט נויטהיג צו שניידען מאנדלען און מוטשען דעם קראנקען מיט נאך אנדערע טעסטס. ווייל אבטהוען זיך פון דער שווערער ארבייט וועט אייך אבשטעלען די שמערצען וואס זיינען ארויסגערופען געווארען דורך א שטארקער אנשטרענגונג. אזעלכע רהומאטיזם איז אן אפטע ערשיינונג און אימער צווישען די דאטשניקעס. זיי נעהמען זיך צו שווימען מיט שיפעל איבער׳ן וואסער און דארפען ארבייטען שווער מיט די לאפעטקעס וואס שטופען דאס שיפעל, אדער ביים גארטען ארבייטען זיי צופיעל מיט די זענגער צו קענען שווימען און נאך אנדערע פהיזישע איבונגען צו וועלכע זיי זיינען נישט צוגעוואהנט. אזא אנשטרענגונג ברענגט דערנאך איז אבענד שטארקע שמערצען ווען מען לעגט זיך שלאפען.

סיפהיליס רופט ארוים רהומאטיזם אין די ביינער, שמערצען אין האלדז און אין קאפ, אלע מיטלען אין דער וועלט וועלען אזא רהומאטיזם נישט מאכען לייכטער סיידען מען גיט דעם קראנקען די מעדיצין פאר סיפהיליס.

נערוועזיטעט מאכט דעם מענשען אויך פיהלען שמערצען אין קערפער און אין אזא פאל איז ווידער גוט צו היילען די נערוועזיטעט וואס וועט אויך בעאיינפלוסען די אזוי גערופענע רהומאטיזם.

טאנסיליטיס, אן ענטצינדונג אין די מאנדלען, וואס דויערט ביי א וואך צייט, ברענגט מיט א ברעכעניש אין די ביינער. דאס פערשווינדען די שמערצען אזוי שנעל ווי די מאנדלען זיינען געזונד. אין דיפטהעריא איז די זעלבע זאך. די ברעכעניש אין פלייצע און אין די ביינער ווערט בעסער ווען די דיפטהעריא איז געהיילט.

אזוי זיינען פאראן טויזענדע פערשיעדענע קראנקהייטען וואס רופען ארוים שמערצען אין קערפער און וועלכע מען מוז היילען איידער מען קען ערווארטען די רהומאטיזם זאל בעסער ווערען. אצינד קענט איהר פערשטעהן וואס פאר א צוזאמענמישעניש און האפפערדרעהעניש עס ווערט ווען מיר פטר׳ן אב די פערשידענע שמערצען אין קערפער מיט דעם נאמען רהומאטיזם. יעדער רהומאטיזם דארף שטודירט ווערען און אויסגעארטירט ווערען לויט זיין אורזאך איידער מען קען איהם אנפאנגען צו היילען.

לשנה טובה תכתבו
די בעקאנטע פריינד
בערנשטיין פינקעלבערג און
אסטראווסקי

CRÈME DE MENTHE
A CORDIAL
LAZARE ET FILS

ווינשען אלע זייערע קאסטימער בפרט און אלע אידען בכלל א גליקליכען נייעם יאהר. און אויב איהר ווילט האבען איין עונג יום טוב געדענקט דאס די

סט. אורביין
ליקער סטאר

איז די איינציגע וואו איהר קענט בעקומען די ראיעלסטע סחורה ביליגער ווי איבעראל און פראמפטע דעליווערי.

מיר לאזען וויסען איניגע פרייזעס. און פאר דאס איבריגע שיקט נאך אונזער פרייז ליסט.

	3 באט.	6 באט.	12 באט.
קארבים מאדזשעסטיק ראי	$2.25	$4.50	$8.50
״ ספעשעל סעלעקטעד	$3.00	5.50	10.00
ספעשעל ריי 5 יאהר	$2.25	$4.50	$8.50
ברענדים 3 סטאר	$3.50	$6.75	13.00
בעלאף פראנסע	$4.00	$7.75	15.00

און דראפט

	נא. 1	נא. 2	נא. 3
ספירים פער גאלאן	$7.50	$7.00	$6.50
משערי ברענדי	$5.00		$4.50
קאניאק ברענדי	$5.00	$6.00	$7.00

ביער פאר טאראנטא

ו קיים 24 באטעלס אקיעפס	$3.60
ו באריל ביער אקיעפס	$2.50

לכבוד יום טוב שיקען מיר אלעס בעצאהלט עקספרעס ביז אין הויז.

אדרעסירט
ST. URBAIN LIQUR STORE
51 VITRE ST. WEST, MONTREAL

J. P. BICKELL & CO.
סטענדארד בענק בילדינג טאראנטא.
תבואה
קאטאן
סטאקס

פארקלענערט די סכנה
דורך געברויכען
עדיע׳ס
,,סיילענט 500־טער״

שוועבעלאך וואס לעשען זיך בעמיש אליין אוים און ,,האלטען ניט אן קיין פייער״. עדיע איז דער איינציגער און קענעדע וואס מאכט די דאזיגע שוועבעלאך. יעדעס איינציגע העלצעל ווערט איינגעטונקען אין אזא כעמישע צולאזענע פליסיגקייט וועלכעס פערזיכערט פאזיטיוו אז דאס שוועבעלע ווערט ,,טויט האלץ״ נאך דעם ווי עס איז איינמאהל אנגעצונדען געווארען און אויסגעלאשען.

פאסט אויף דאס אויף׳ן באקסעל זאל זיין אויפגעשריבען:
Chemically self-extinguishing
THE E. B. EDDY
CO., LIMITED
HULL - CANADA.

זיסמאן קאפלאן
וויאלין ווירטואז
לעהרער אין דער קענעדיען אקעדעמי אף מוזיק און אויך פריוואט לעסאנס ווערען געגעבען אין סטודיא.
184 פאלמערסטאן עוו
טעלעפאן קאלעדזש 2814, אדער קאלעדזש 1343.

לשנה טובה תכתבו!
די פירמא
ש. ל. נאטאנזאן און זאנס

V.S.O.P
J.B. REYNIER & Cº
COGNAC

דאס איינציגע אידישע האלסייל ליקער הויז אין קענעדע, ווינשען אלע זייערע קאסטימערס און פריינדע א

כתיבה וחתימה טובה

יעדען איד איז שוין גוט בעקאנט די עהרליכע בעהאנדלונג און געשמאקע שנאפסען וואס מיר פערקויפען א גאנץ יאהר און אויף פסח. בעפאר איהר קויפט אנדערשוואו שרייבט צו אונז פאר א פרייז ליסט.

S. L. NATHANSON & SONS
Proprietors of Distillers' Distributing Co.
1072 St. Lawrence Blvd. MONTREAL
אונזער געשעפט איז געשלאסען יעדען שבת ויום טוב.

CHAS. A. STONEHAM & CO.
(עסטאבלירט 1903)
23 מעלינדא סטרי. טאראנטא. טעלעפ און מיין 1—2580.
41 בראאד סטריט, ניו־יארק.

קאבאלטס, פארקיופיין קופער מאטאר אויל און אינדוסטריאל סטאק פאר קעש, אדער מעסיגע מארדזשין. אונזער פופצעהן הונדערט מייל פרייוואט וויר סיסטעם דערגרייכט אלע מארקעטס וועכענטליכע מארקעט לעטערס פריי.

,,ניטא קיין פראמאשאנס״.

ב. ראס און קא. אינק.
ליקער הענדלער פון מאנטריאל קוו.
ווינשען אלע זייערע קאסטומערס און פריינד
א פרעהליך און גליקליך יאהר
לואיס נ. ראס
אדווערטייזינג מענעדזשער

באארד רום סוירוויס
די פרייוו באארד אין אונזער באארד רום ווייזט איצט גלייך
די פרייזען פונ׳ם ניו יארק סטאק עקסטשיינדזש
די ניו יארקער קורב עקסטשיינדזש
די טאראנטא סטענדארד עקסטשיינדזש
מיר וועלען זיין צופריעדען אז איהר וועט זיך בענוצען מיט אונזע באקוועמליכקייטען. פרייוועט ווייערס פערבינדען אלע אפיסעס אין טאראנטא — ניו יארק — פילאדעלפיא, האמילטאן און לאנדאן
KEMERER, MATTHES & CO.
108 BAY STREET - - - - - TORONTO

פארקיופיין גאלד קעמפ
די לעצטע אינפארמאציעס קענט איהר קריגען ווען איהר וועט זיך סובסקרייבען פאר דעם פארקיופיין העראלד.
טימינס פארקיופיין, אנטעריא.
פרייז פאר קענעדע $1.50. פאראייניגטע שטאטען $2.50 א יאהר.

לע ראי־הערבערט, לימיטעד
מייל ארדער וויין ספירט הענדלער
גלוק בילדינג, ניאגארא פאלס נ. י.
וועגען בעדיענונג און קוואליטעט

	1 גאל.	2 גאל.	5 גאל.
אלקאהאל פרוף	$5.85	$11.00	$26.50
״ 50 א. פ.	$8.00	$15.00	$35.75
״ 65 א. פ.	$8.60	$16.20	$38.75

דראפט ראי און וויסקי

ראי וויסקי 40 ין. פ.	$4.50	$8.50	$18.00
״ 25 ין פ.	$5.00	$9.50	$22.00

סקאטש וויסקיעס

	12 באט.	6 באט.	4 באט.	1 באט.
קעמפבעלס היילענד דיו	$9.00	$5.50	$4.00	$1.00
קעמפבעלס 3 סטאר	10.00	$6.00	$4.25	$1.10
קעמפבעלס ו. א.	11.00	$6.50	$4.50	$1.20

אימפיריעל קווארטס

קעמפבעל׳ס היילענד דיו	$13.00	$7.50	$5.25	$1.30
קעמפבעל׳ס 3 סטאר	$14.50	$8.25	$5.75	$1.50
קעמפבעל׳ס ו. א.	$16.00	$9.00	$6.25	$1.60
בולאק לייד	$22.00	12.50	$9.50	$2.35
מיטשעל׳ס היטער דיו	$22.00	12.50	$9.50	$2.35
פיטער דאסאן	$25.00	13.50	10.50	$2.60
קלארעט וויין, פאר			$5.00	פאר א קייס
דישער וויין פיור			$5.00	״ ״ ״
זויערע וויין פיור			$5.00	״ ״ ״

איהר קענט קויפען דיזען וויין $3.00 א גאלאן.
מיר קענען אייך צושטעלען אלע פערשידענע סחורות פון אייל.

Le Roy-Herbert, Limited
GLUCK BUILDING, NIAGARA FALLS, N. Y.

Formerly
A. P. HERBERT
183 King St. E.

שרייבט נאך ארדער פארמען

Formerly
M. LE-ROY
897 Queen St.